**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/4/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאך דריי באשטעטיגטע קאָוויד-19 אָמיקראָן ווערינט קעיסעס אין ניו יארק סטעיט פאר א סך הכל פון אכט קעיסעס**

***אנטדעקונג פארשטערקערט דער איינזען אז ניו יארקערס דארפן זיך וואקסינירן, בוסט׳ען און טראגן א מאסקע***

***שטייגנדע פעלער זענען ווייטער פון דעם דעלטא ווערינט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן נאך דריי פעסטגעשטעלטע פעלער פון די קאָוויד-19 אָמיקראָן ווערינט אין ניו יארק סטעיט, וואס ברענגט דעם סך הכל צו אכט פעסטגעשטעלטע פעלער. ביז אהער זענען די פעלער ווארשיינליך נישט פארבינדן איינע מיט׳ן אנדערן, און זענען פעסטגעשטעלט געווארן דורך די די-ען-עי סיקווענצינג פון דעם SARS-CoV-2 ווירוס. אלע דריי פון די נייע פעלער זענען פון ניו יארק סיטי, פאר א סך הכל פון זיבן ניו יארק סיטי איינוואוינער און איינס פון סופאלק קאונטי פעסטגעשטעלט מיט׳ן אָמיקראָן ווערינט.

"מיר האבן געוואוסט אז דער אָמיקראָן ווערינט וועט אנקומען און מיר ערווארטן צו זען מער פעלער. אבער לאמיר זיין קלאר: מיר זענען נישט שיצלאז," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן די מיטלען אפצוהאלטן דער פארשפרייטונג פון דעם טויטליכן ווירוס: באקומט אייער וואקסין, באקומט אייער בוסטער און טראגט א מאסקע. לאמיר ניצן די מיטלען צו באשיצן זיך און אונזערע נאענטע און באליבטע אזוי ווי עס דערנענטערן זיך די האָלידעי טעג."

**דעפּאַרטמענט אָוו העלט קאמישענער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט**, "דער אָמיקראָן ווערינט איז דא, און ווי ערווארטעט זעען מיר דער אנהויב פון קאמיוניטי פארשפרייטונג. מיר זעצן פאר ווייטער צו ארבעטן נאענט מיט אונזערע צוזאמענארבעטער איוף די נאציאנאלע, סטעיט און ארטיגע שטאפלען. צו דער איצטיגער צייט ווייסן מיר נישט ווי גיך אָמיקראָן וועט זיך פארשפרייטן אדער ווי געפערליך די סימפטאמען פון אָמיקראָן וועלן זיין. וואס מיר זעען איז אז דער העכערונג פון קעיסעס לענגאויס ניו יארק סטעיט ווערט ווייטער נאכגעשפירט צו דעם דעלטא ווערינט. מיר דערמוטיגן אלע ניו יארקערס צו ניצן די בעסטע שיץ מיטלען וואס מיר האבן: ווערט וואקסינירט, ווערט גע׳בוסט׳עט און טראגט א מאסקע."

דריי פון די אָמיקראָן פעלער זענען אידענטיפיצירט געווארן ביי מט. סייניי, דריי פעלער אידענטיפיצירט ביי דער פאנדעמיע אפרוף לאבאראטאריע (PRL), איין פאל איז פעסטגעשטעלט געווארן דורך דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין און דער סופאלק קאונטי פאל איז אידענטיפיצירט געווארן דורך PRL אום דעצעמבער 2׳טן. טראצדעם וואס די אלע פעלער זענען ווארשיינליך נישט פארבינדן מיט די לעצטנסדיגע ׳אנימע NYC׳ פאראזאמלונג ביי דעם דזשעוויטס צענטער, דאך טוט דער דעפארטמענט מוטיגן יעדער וואס האט אנטיילגענומען צו ווערן גע׳טעסט פאר קאָוויד-19 און טראגן א מאסקע אין פובליק פלעצער.

ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס וואדסווארט צענטער לאבארעטאריע זעצט פאר ווייטער אקטיוו נאכצופאלגן קאוויד-19 ווירוס סעמפּלס פארזאמלט פון ארום דעם סטעיט צו פארגלייכן די-ען-עי סיקווענץ און אידענטיפיצירן פארשפרייטנדע און נייע ווריענטס, אריינגערעכנט אָמיקראָן.

דער דעפּארטמענט טוט אויך נאכשפירן אלע דאטע אריינגעגעבן צו פובליק די-ען-עי סיקווענץ דאַטעבּעיסעס דורך די פילע אנדערע די-ען-עי סיקווענץ אונטערזוכונג לאבאראטאריעס לענגאויס ניו יארק סטעיט און איבער די US, ביישטייערנדיג צו א פעסטע און צוזאמענארבעטנדע פארשונג פראגראם פאר ווריענט אנאליז. דער וואדסווארט צענטער טוט יעצט אויספירן די קאָוויד-19 ווירוס פראבקעס מיט א קאפאציטעט ביז אומגעפער 100 א טאג. פראבקעס ווערן אויסגעקליבן ראנדאמאל פון איבער'ן סטעיט צו העלפן די פארשונג לענגאויס אלע געאגראפישע לאקאציעס און דאטע אנאליזירט לענגאויס די גאנצע די-ען-עי סיקווענץ פון דעם ווירוס. דער אנאליז רעכנט אריין אפשאצונג פאר אומבייט וואס רעכנט אריין ווריענטס פון זארג און ווריענטס פון אינטערעס.

אנדערע לאבאראטאריעס אין ניו יארק סטעיט פירן אויס ענליכע ארבעט. די רעזולטאטן פון וואדסווארט און אנדערע לאבאראטאריעס ווערן אפּלאָוד׳עט צו פובליק דאַטעבּעיסעס, איבערהויפּט GISAID. פון דעם דאַטעבּעיס, קען מען דאונלאד׳ען סיקווענץ דאטע פון אלע ביישטייערער און אנאליזירן פאר א מער קאמפּלעטע בילד פון ווירוס אויסבראכן איבער'ן סטעיט און די פארשפרייטונג פון ווריענטס פון די אנאליזען פאר אן איבערבליק איבער א צייט אפשניט. דער סטעיט האט גרייט געמאכט די דאטע צו באקומען פאר יעדע ניו יארקער ביי זייער קאָוויד-19 ווריענט בלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן